דבר מלכות לנוער

ב"ה ימות המשיח. עש"ק פר' קרח, ד' תמוז – "חודש הגאולה"
ה'תשס"ו – הי' תהא שנת סגולות ונפלאות

# דער וועלט איז שוין אײַנגערעדט

*לויט 'דבר מלכות' פון שבת פרשת קרח ה'תנש"א*

## ג' תמוז – דער חג הגאולה

דערציילט דער רבי מלך המשיח שליט"א:

**ג' תמוז איז דער טאָג ווען דער רבי דער שווער איז באַפרײַט געוואָרן פון תפיסה בבית האסורים ("שפּאָלערקע" אין לענינגראַד), בתנאי אַז ער זאָל גלײַך פאָרן אין גלות, אין עיר מקלטו קאָסטראָמאַ אויף דרײַ יאָר.**

**בשעתו האָט מען נאָך ניט געוואוסט צי דאָס איז אַ גוטע זאַך און ווי דאָס וועט זיך אויסלאָזן; אָבער דערנאָך, אין דעם טאָג פון י"ב תמוז, האָט ער באַקומען די הודעה אַז מ'באַפרײַט אים, און די תעודת החופש וועט מען אים געבן אויף מאָרגן, י"ג תמוז, און דעמולט – בשעת ער איז אינגאַנצן באַפרײַט – איז נתגלה געוואָרן, ווי ג' תמוז איז געווען די "אתחלתא דגאולה".**

ווען דער רבי איז געפאָרן אין גלות, האָבן די חסידים געוויינט און באַדויערט, אָבער זייער שנעל האָט זיך זיי אַרויסגעוויזן אַז די גלות האָט געביטן דעם טויט שטראָף חלילה, און איז געווען מער ניט ווי אַ הכנה און אַ התחלה פון די פולקאָמענע גאולה וואָס איז פאָרגעקומען בלויז מיט צען טעג שפּעטער. זינט דעמולט האָבן די חסידים קובע געווען די טעג ג' תמוז און י"ב–י"ג תמוז אויף "חג הגאולה" מדי שנה.

אויך נאָכדעם ווי דער רבי איז אינגאַנצן באַפרײַט געוואָרן, איז דער דערפאָלג נאָך ניט געווען גאַנץ. די רוסישע ממשלה האָט פאָרגעזעצט מיט אירע קאַמף קעגן יעדער זאַך פאַרבונדן מיט אידישקייט, ביז אַז כביכול צוליב זיי האָט דער רבי ריי"צ געדאַרפט אַרויסגיין פון רוסלאַנד, און די רוסישע אידן האָבן ווייטער געליטן נאָך צענדליקע יאָרן.

נאָר היינט, העכער זעכציק יאָר נאָך דעם אַרעסט און באַפרייאונג, קענמען זען ווי אַזוי צום סוף האָט די באַפרייאונג פון דעם רבי'ן ריי"צ געבראַכט דעם פולן דערפאָלג איבער דעם קאָמעניסטישער משטר וואָס איז אינגאַנצן געקראַכט, און איצטער מעגן די רוסישע אידן מקיים זיין תורה ומצוות פרייערהייט.

פרעגט זיך דאָ אַן איינפאַכע שאלה:

דער אויבערשטער איז דאָך דער איינציקער וואָס שטייט אונטער דעם וואונדערליכן נס וואָס האָט געראַטעוועט דעם רבי'ן ריי"צ פון די הענט פון די רשעים און האָט אים אַרויסגענומען צו אַ פרייהייט און אַן אויסלייזונג. פאַרוואָס אויב–אַזוי איז געקומען דער נס אין אַזאַ

מין אופן פון ׳האַלב האַלב׳, פריער דער ביטול פון דער טויט שטראָף, און נאָר נאָך עטלעכע טעג דער פולער באַפרייאונג, און צענדליקע יאָרן נאָך דעם דער גאַנצער דערפאָלג איבער די רשעים. פאַרוואָס האָט דער נס געדאַרפט דויערן אַזוי פיל צייט, און ניט אין איין מינוט?

## דער וועלט איז מסכים

חז״ל האָבן געזאָגט: ׳כל מה שברא הקדוש ברוך הוא בעולמו, לא בראו אלא לכבודו׳ (אַלץ וואָס דער אויבערשטער האָט באַשאַפן אין זיין וועלט, האָט ער עס באַשאַפן נאָר צוליב זיין כבוד). דער אויבערשטער האָט באַשאַפן דעם נאַטירלעכן וועלט, כדי אַז דוקא דער נאַטור זאָל אַנטפּלעקן דעם אויבערשטנס כבוד.

מיט יעדער גלאָז וואַסער וואָס אַ אידיש קינד טרינקט, אַנטפּלעקט ער דעם אויבערשטן אין וועלט. מאַכט ער אויף איר אַ ברכה ׳שהכל נהיה בדברו׳ (אַז אַלץ איז געוואָרן מיט זיינע רייד), און לויבט און אַנערקענט אַז דער גאַנצער וועלט און ספּעציעל דער גלאָז וואַסער זיינען באַשאַפן געוואָרן פון ה׳ אחד. ווען ער טרינקט נאָך אַ גלאז אַ שטיקל צייט שפּעטער, מאַכט ער אויף איר נאָכאַמאָל אַ ברכה און אַנטפּלעקט פון־דאָס־ניי דעם כבוד פון דעם אויבערשטן.

דעריבער האָט דער אויבערשטער באַשאַפן די וועלט מיט אַסאַך איינצלהייטן, כדי אַז יעדער פּרט אין נאַטור, אפילו יעדער גלאָז וואַסער, זאָל אַנטפּלעקן כבוד ה׳. דער אויבערשטער מיט זיין גרויסן חסד האָט עס געמאַכט אַזוי, כדי אַז אין יעדע נאַטירלעכע פעולה זאָלן מיר פילן אַז מיר טוען אַ וויכטיגער און אַ באַדייטונגספולער זאַך, מ׳איז מגלה כבוד ה׳ פון־דאָס־ניי ממש.

אמת טאַקע פון אַמאָל צו אַמאָל מאַכט דער אויבערשטער נסים, און די נסים באַווייזן אונז אויספירליך און איינפאַך אַז דער אויבערשטער איז דער אמת׳ער בעל־הבית, דער באַשעפער און דער אָנפירער פון דער וועלט. אָבער אויך דערביי איז דער צוועק אַז דוקא דער נאַטור און אַלע זיינע איינצלהייטן זאָל מגלה זיין כבוד ה׳. דערפאַר איז געוויינלעך טראָגט דעם וואָס פון איין זייט צעבּרעכט דער נס און איז משנה דעם נאַטור, איז פון צווייטן זייט דרינגט דער נס דורך און פאַרבינדט זיך מיטן טבע, ווי ס׳איז געווען אָפּענטלעך אין די גאולה פון דער רבי ריי״צ.

די רוסישע זיינען ניט געצוואונגען געוואָרן צו באַפרייען גלייך דעם רבי׳ן ריי״צ און די אַלע אידן. דער אויבערשטער האָט כביכול געוואַרט דערצו אַז זיי זאָלן פון זיך אַליין אָנקומען צו דעם פאַרשטאַנד אַז זיי האָבן ניט קיין רעכט צו באַשעדיקן חלילה דעם רבי׳ן, און וועלן מבטל זיין פון אים דעם טויט שטראָף. דער אויבערשטער האָט עס אויסגעדרייט אַזוי אַז דוקא יענע רשעים – נחמנסאָן און לולב – וועלכע האָבן אַרעסטירט דעם רבי׳ן, זיי אַליין זיינען גענויט געוואָרן אים צו באַפרייען.

אַסאַך יאָרן שפּעטער, האָט די רוסישע ממשלה אָנגעקומען צו די

ענדלעכע מסקנה אַז עס האָט ניט קײַן רעכט די וועג פון כפירה בה׳, דאַן האָבן זײ אַלײן געגעבן די אידן דעם פולן רשות צו מקיים זײַן תורה און מצוות פרײַערהײט. ביז הײַנט טראַכטן זײ צו ענדערן דעם נאָמען פון שטאָט לנינגראַד, וועלכע איז גערופן געוואָרן נאָך דעם נאָמען פון דער קאָמאָניסטישער אָנפירער לנין וואָס צוליב זײַן באַפעל האָט מען אַרעסטירט דעם רבי׳ן ריי״צ, צו אירע אָרגינאַלע נאָמען פעטערבורג. דערבײַ איז אונטערשטראָכן ווי זײ אַלײן ציען זיך צוריק פון זײערע שלעכטע וועג און פאַרשטײען זײערע גרויסע טעות.

ווײַל זער אויבערשטער וויל אַז דער טבע זאָל אַנטפּלעקן דעם אויבערשטן, אַז די גוים אַלײן זאָלן זיך צוריקציען און זיך פירן ווי עס פּאַדערט זיך. ניט ווײַל דער אויבערשטער האָט זײ דערצו געצוואונגען, נאָר זײ פון זיך אַלײן.

## ביטול אידיאָט!

וואָס מײנט דאָס אַלץ צו אונז, ערקלערט דער רבי מלך המשיח שליט״א דורך אַן ערצײלונג:

אַמאָל איז אַ חסיד אַרויס פון אַ חסידישן פאַרברײנגען מיט אַ פרײלעכער האַרץ, און איז געגאַנגען אין גאַס אין די וועג אַהײם אַרײַנטראַכטנדיק זיך אין די וואונדערלעכע ענינים אויף וועלכע עס האָט זיך גערעדט אין דעם פאַרברײנגען. דאַן איז געווען אַ געפאַר צו חסידים זיך דרײען אין די גאַסן, אָבער אַן אמת׳ער חסיד האָט בכלל ניט קײן מורא. אַ רוסישער פּאָליסמאַן וואָס איז פאַרבײַ אין גאַס האָט אַנטשײדט די פאַרדעכטיקע געשטאַלט, און האָט אויסגערופן צו אים אויף רוסיש: קטאָ אידיאָט – ווער גײט דאָרטן? אַן צעטומלען זיך האָט דער חסיד גלײַך געענטפערט: ביטול אידיאָט! – ביטול גײט!

דער חסיד האָט בכלל ניט געמײנט צו לײגן דעם פּאָליסמאַן. דער חסיד האָט אויף אַזוי פיל פאַרשטאַנען אַז ער איז טאַקע אינגאַנצן ביטול צום אויבערשטן, און דעריבער האָט ער אים געזאָגט די גאַנצע אמת, אַז דאָ גײט ביטול...

דער ביטול פון אַ חסיד צום אויבערשטן, דאָס איז ממש אַ גוטער בײַשפּיל צו גילוי אלקות אין וועלט, ווי אַ איד פילט אַז ער איז אינגאַנצן ניט קײן מציאות און די אמת׳ע מציאות איז דער אויבערשטער געבענטש זאָל זײַן. און אַזאַ גילוי ביז אַז אפילו דער גוי דער פּאָליסמאַן האָט ניט געשטערט.

פון צווײטן זײַט, דער חסיד האָט עס ניט געזאָגט צום פּאָליסמאַן אויף לשון הקודש. ער האָט עס געזאָגט אויף רוסיש, כדי אַז אויך דער רוסישער גוי און דער רוסישער נאַטור זאָלן פאַרשטײן אַז דער גאַנצער וועלט איז בטל צום אויבערשטן.

אַזוי אויך דאַרף זײַן בײַ אונז. דער ערשטער זאַך וואָס מיר דאַרפן וויסן איז, אַז אונזערע מציאות איז "יפוצו" (פאַרשפּרײטן). אונזערע גאַנצע אויפגאַבע אין לעבן איז אַז דעם רבי׳נס שלוחים צו פאַרשפּרײטן אים אומעטום, איבערצוגעבן די מענטשן די גרויסע אמת פון חסידות, די גוטע בשורה פון די גאולה, און די גאַנצע אמת וועגן

דעם רבי'ן שליט"א מלך המשיח. כאָטש אַז ס'דוכט זיך אַז מ'דאַרף האָבן ממש אַ נס כדי אַז דער וועלט זאָל מסכים זיַין מיט אונז, אָבער ווי מיר האָבן דערציֵילט זיַינען מיר מלומדים בנסים.

פון צווייטן זיַיט, דאַרפמען קענען רעדן מיט יעדער אייַנער אין אַן אופן וואָס איז צוגעפּאַסט צו אים, אַז ער מיט זיַין פאַרשטאַנד און געפיל זאָל פאַרשטיֵין און דערהערן דעם אמת. מיט אַ גוישער פּאָליסמאַן דאַרפמען רייַדן רוסיש, מיט אַ תלמיד-חכם אין דברי תורה, מיט אַ פשוט'ער איד מיט דערציֵילונגען, און מיט אַ קינד מיט אַ צוקערלע. אַזוי וועט יעדער אייַנער אָננעמען דאָס אין דעם אופן וואָס איז צוגעפּאַסט צו אים, און סך-הכל וועלן אַלע אָננעמען און מסכים זיַין דערצו.

## משיח

דערביי קען נאָך זיַין די שאלה – ווי אַנדערע פרעגן: . . **וואָס וועט די וועלט און וואָס וועלן די אומות זאָגן אויף דעם וואָס אַ איד טוט זיַין עבודה אין "יפוצו מעינותיך חוצה", ובמיוחד – אין ממהר זיַין די גאולה האמיתית והשלימה, זיַי פאַרשטיֵיען דאָך ניט וואָס דאָס מיֵינט?!** ס'איז טאַקע גאָר אַ גרויסע און אַ הויכע עבודה – אָבער מ'דאַרף זיך דאָך לכאורה רעכענען – טענה'ט ער – מיט דער וועלט!

**איז דער ענטפער אויף דעם: די וועלט איז שוין צוגעגרייט, פאַרטיק! בשעת אַ איד וועט טאָן זיַין עבודה כדבעי – באופן שלמעלה ממדידה והגבלה, וביחד עם זה ווי דאָס איז אָנגעטאָן אין די כלים פון לבושי הטבע – וועט ער זען ווי דער עולם, טבע העולם און אומות העולם זיַינען אים מסייע אין זיַין עבודה.**

הייַנט אין דער צייַט פון גאולה, דער וועלט קען שוין אָננעמען אַלץ. מיר דאַרפן נאָר טאָן אונזערס און איבערגעבן אים אין דעם צוגעפּאַסטן אופן דעם רבי'נס רייַד, און מ'וועט שוין זען ווי דער וועלט העלפט אונז נאָר אַרויס.

און ווי געוויֵינלעך, פאַרענדיקט דער רבי מלך המשיח שליט"א די שיחה מיט אַ וואונטש און אַ צוזאָג אויף די גאולה שלימה:

**און תיכף ומיד ממש זאָל דאָס שוין ברענגען די גאולה האמיתית והשלימה . . ובנערינו ובזקנינו בבנינו ובבנותינו גייען אַלע אידן אין ארץ הקודש, ירושלים עיר הקודש, בבית המקדש השלישי, וכאמור – תיכף ומיד ממש.**

•

**יחי אדוננו מורנו ורבינו מלך המשיח לעולם ועד!**

**לזכות**
**הוד כ"ק אדמו"ר מלך המשיח שליט"א**
**מהרה יגלה ויגאלנו!**


יו"ל ע"י
תנועת הנוער
צבאות ה' בארה"ק



**ווילסט איבערגעבן א שיעור 'דבר מלכות' אין דיין געגנט?**

אין ארה"ק - קינדער: 795-5493 (054), אין ארה"ק - מיידלאך: 646-0770 (054),
אין ארה"ב: 290-4444 (718)



עריכה: בן מנחם • הגהה רוחנית: רבנים ואנשי חינוך • הגהה לשונית: ב. נחשון • תורגם לאידיש ע"י מנחם מענדל פעלדמאן • יו"ל במסגרת מבצע עולמי ללימוד ה'דבר מלכות'